# שלום-עליכם

# דאָס פּאַרפּאָלק

(אַ מעשׂה נורא, ווי אַזוי מע האָט איינמאָל אין מיטן נאַכט אויפֿגעכאַפּט צוויי אומשולדיקע נפֿשות, געבונדן, אַרויסגעפֿירט, אויפֿן מאַרק און פֿאַרקויפֿט צו ווילדע מענטשן, געהאָדעוועט אַ חודש נאָכאַנאַנד מיט מעדני-מלך, און אַ טאָג פֿאַר פּסח געקוילעט ווי די שאָף. געשריבן אין יאָר 1909.)

[פֿונעם פֿאַרפֿאַסער: דער מחבר פֿון דער געשיכטע בעט זיך בײַם לעזער, ער זאָל אין דער מעשׂה נישט זוכן קיין אַלעגאָריעס, נישט וועלן טרעפֿן, וועמען דער מחבר האָט דאָ געמיינט. עס איז דאָ נישט פֿאַראַן קיין רמז פֿון אַלעגאָריעס, און אפֿילו נישט, איר זאָלט זאָגן, פֿאַר אַ גראָשן אָט דאָס, וואָס ווערט אָנגערופֿן סימבאָליזם. דאָס איז גלאַט אַזוי זיך אַ פּשוטע מעשׂה, אָן חכמות, אָן אייבערקעפּלעך, אַ מעשׂה פֿון צוויי אומשולדיקע גאָטס באַשעפֿענישן נעבעך, וואָס האָבן געלעבט, געליבט, געחלוממט, געליטן, געהאָפּט און מערדעריש געפֿאַלן אום ערבֿ פּסח, נישט צו וויסן פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען....
נערווי (איטאַליע)]

## א׳

### די שרעקלעכע נאַכט

דאָס איז געווען אין איינע פֿון די פֿינסטערע, בלאָטיקע, פֿאַרפּסחדיקע נעכט. אַלץ איז געווען אײַנגעהילט אין פֿינסטערניש. אַלץ איז געשלאָפֿן. שטיל און רויִק איז געווען אַרום און אַרום אפֿילו אַ פֿיש אין וואַסער האָט געהאַט גערוט, מורא געהאַט אַרויסשטעלן דעם קאָפּ אויף גאָטס וועלט אין דער דאָזיקער פֿינסטערער, שטילער, רויִקער נאַכט. אין אַזאַ נאַכט איז פֿאַראַן אַ סך אַרבעט פֿאַרן באַל-

חלומות. ער זשאַלעוועט נישט קיין פֿאַרבן, שיט מיט דער פֿולער האַנט פֿאַנטאַזיעס, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן, און פֿירט צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. די חלומות, וואָס דער העלד פֿון דער דאָזיקער געשיכטע האָט געזען אין יענער נאַכט, זענען געווען משונה-מאָדנע ווילדע חלומות! אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך אים געפּלאָנטעט [געפּלאָנטערט] עופֿות, הינער, גענדז און קאַטשקעס. איינער אַ האָן, אַ רויטער, נאָך נאָר אַ יונגעטשקער, נאָר אַ גרויסער עזוס-פּנים, שפּרינגט אים מיט חוצפּה אין די אויגן אַרײַן, לאַכט און זינגט אים עפּעס אַ מאָדנע לידל: קו-קאַ-רי-קו, לאַנגע נאָז! מ׳עט דיך פּאַקן ווי אַ האָז! מ׳עט דיך בינדן, מ׳עט דיך שלאָגן, מ׳עט דיך לייגן אין אַ וואָגן, מ׳עט דיך מוטשען אָן אַ סוף, מ׳עט דיך קוילן ווי אַן עוף!....

דאָס לידל לאָזט אויס דער רויטער האָן מיט אַ קוקאַריקו, און עס דאַכט זיך אויס אונדזער העלד, אַז די עופֿות, די גענדז מיט די קאַטשקעס, וואָס דרייען זיך אַרום אים, קוואָקן, גאָגאָטשען און לאַכן אויף משונה-מאָדנע קולות, און אַזוי שטאַרק, אַז ער ווערט אויפֿגערעגט, טוט זיך אַ לאָז צום האָן צום שגץ, און פֿאַר גרויס כּעס כאַפּט ער זיך אויף מיט אַ מוראדיק האַרצקלאַפּעניש און דערהערט אַ רעש, אַ טומל, אַ גערודער, אַ קלאַפּערײַ פֿון פֿיס, אַ שײַן פֿון אַ ליכט, און קולות, ווילדע, אומבאַקאַנטע קולות: ״נישט דער!... אָט דער!... יאָ-יאָ!... נעמט אים!... כאַפּט אים!... בינט אים!... פּאַוואָליע די פֿיס!... ברעכט אים נישט אויס קיין פֿוס!... אָט אַזוי!... פּאַרטיק!.... נו, ריר זיך! ריר זיך!... די נאַכט שטייט נישט!... מאַרש אין וואָגן אַרײַן!...._ און ער דערפֿילט געזונטע הענט, ווי אײַזערנע צוואַנגען, האַלטן אים, בינדן אים, דרייען אים צונויף די פֿיס, און מע טוט אים אַ כאַפּ-אויף אין דער לופֿטן און אַ וואָרף-אַרײַן אין אַ ברייטן הויכן וואָגן אַרײַן. אין וואָגן ליגט נאָך אַ נפֿש, אַזוי ווי ער, דאַכט זיך, אַ נקבֿה, און ציטערט מיט אַלע אבֿרים. צוויי מענטשן דרייען זיך אַרום זיי. איינער – אַ פּרא-אדם, אָן אַ היטל, דער אַנדערער – אויך אַ פּרא-אדם, מיט אַ קוטשמע אויפֿן קאָפּ. דער וואָס אָן דעם היטל שטייט הינטן, באַטראַכט דעם וואָגן, די רעדער, די פֿערדלעך. און דער וואָס מיט דער קוטשמע האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אויפֿן וואָגן, און גלײַך צו זיי אויף די פֿיס, און מיט אַזאַ רציחה, אַז זיי האָבן זיך דערזען מיט יענער וועלט....

– געב נאָר אַכטונג, זיי זאָלן זיך בײַ דיר נישט אויפֿבינדן, נישט אַרויסגליטשן, נישט אַראָפּשפּרינגען. דו הערסט, צי ניין? אַזוי זאָגט דער, וואָס אָן דעם היטל, צו דער קוטשמע, און די קוטשמע ענטפֿערט נישט. ער דערלאַנגט אַ רעכטן שמיץ די פֿערד, און דער וואָגן רירט.

## ב׳

### די געפֿאַנגענע שליסן קענטשאַפֿט אין געפֿענקעניש

ווי אַזוי זיי האָבן געלעבט די דאָזיקע נאַכט און נישט אויסגעגאַנגען אויפֿן וואָגן פֿאַר שרעק אַליין

– איז טאַקע נאָר אַ נס מן השמים. ווו זענען זיי? וווהים פֿירט מען זיי? און פֿאָר וואָס? פֿאַר ווען?.... איבער גרויס פֿינסטערניש האָבן זיי אפֿילו נישט געקאָנט זיך רעכט אָנקוקן. ערשט, אַז ס׳האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָבן זיי גענומען באַטראַכטן איינס דאָס אַנדערע און דורכשמועסן זיך שטילערהייט.

– גוט מאָרגן, מאַדאַם!

– גוט מאָרגן, גוט יאָר!

– איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איר זענט פֿון אונדזערע... פֿון די אינדיִאַנער....

– איר פֿאַרשפּאָרט שווערן, מע גלויבט אײַך אָן אַ שבֿועה....

– איך האָב אײַך גלײַך דערקענט, נאָך די קאַרעלן.

– דאָס באַווײַזט, אַז איר האָט אַן אויג. עס גייט אַוועק עטלעכע מינוט. נאָכדעם רופֿט ער זיך אָן צו איר ווידער אַ מאָל:

– מאַדאַם! ווי פֿילט איר זיך?

– אַזאַ יאָר אויף מײַנע שׂונים! ער לאָזט דורך נאָך אַ ווײַלע און רוימט איר אײַן אַ סוד אויפֿן אויער:

– מאַדאַם, איך וויל אײַך עפּעס פֿרעגן.

– פֿרעגט.

– אין וואָס באַשולדיקט מען אײַך?

– דאָס אייגענע, וואָס אײַך.

– איך מיין, וואָס האָט איר אַזוינס פֿאַרזינדיקט?

– דאָס אייגענע, וואָס איר.

– מיר שײַנט, אַז איר זענט מיר עפּעס ווי ברוגזלעך?

– ברוגזלעך? נאַכאַל! ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ מיר אויף די פּיס, אַז סע שפּאַרן מיר די אויגן פֿון קאָפּ, און זאָגט נאָך, אַז איך בין ברוגזלעך!

– וואָס רעדט איר דאָס, מאַדאַם? איך זיץ בײַ אײַך אויף די פּיס?

– ווער דען זיצט?

– דאָס איז ער! אָט דער פּרא-אדם מיט דער קוטשמע. פֿאַרכאַפּט זאָל ער ווערן!

– אַזוי גאָר? און איך האָב געמיינט, אַז דאָס קוועטשן, וואָס סע קוועטשט מיך, איז פֿון אײַך. האָט קיין פֿאַראיבל נישט, טאָמער האָב איך אײַך באַליידיקט. דאָס איז אין גאַנצן, וואָס זיי האָבן געקאָנט זאָגן איינס דעם אַנדערן. וואָרום עס כאַפּט זיך אויף די קוטשמע, ווי פֿון דעם שלאָף, און שמייַסט, שמײַסט די פֿערד מיט

כּעס. דער וואָגן שפּרינגט-אונטער, די צוויי אינדיִאַנער הערן זיך צו, ווי עס טרייסלען זיך ביַי זיי אינעווייניק די גדרים. פּלוצים שטעלט זיך אָפּ דער וואָגן, און זיי דערזען פֿאַר זיך אַזעלכעס, וואָס זיי האָבן נאָך אויף זייער לעבן נישט געזען קיין מאָל .

## ג׳
## פֿון איין געפֿענקעניש אין דעם אַנדערן

דאָס ערשטע מאָל אויף זייער לעבן איז זיי אויסגעקומען צו זען אויף איין אָרט אַזוי פֿיל פֿערד, בהמות, קעלבלעך, חזירים, און מענטשן, אָן אַ שיעור מענטשן! אַלערליי וואָגנס מיט אונטערגעהויבענע שטעקנס, פֿול מיט פֿאַרשיידענע סחורות, ברויט און לעבעדיקע זאַכן: הינער, גענדז און קאַטשקעס, אָנגעפּאַקט איינס אויף דאָס אַנדערע. דאָרט, אין דער זיַיט, איינער אַליין אויף אַ וואָגן, ליגט אַ געבונדענער דבֿר-אחר און פּראָטעסטירט, קוויטשעט מיט אַזעלכע משונה קולות, אַז מע קאָן טויב ווערן. נאָר ווער הערט אים? אַלע לויפֿן, אַלע רעדן, אַלע זענען פֿאַרטאַרעראַמט

– ס׳איז אַ יאַריד. אַהערצו האָט זיי געבראַכט צו פֿירן דער פּרא-אדם, וואָס מיט דער קוטשמע, אַרויסגעקראָכן פֿונעם וואָגן און גענומען באָברען זיך מיט די געפֿאַנגענע. און די געפֿאַנגענע האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, געפֿילט אַ מאָדנע האַרצקלאַפּעניש: ״וואָס וועט ער טאָן מיט זיי, אָט דער פּרא-אדם? אפֿשר אויפֿבינדן? באַפֿריַיען און לאָזן גיין, וווּ די אויגן וועלן טראָגן?״... אַך, אומזיסט איז געווען זייער פֿרייד

– ער האָט זיי נאָר אַרויפֿגערוקט אַ ביסל העכער, אַפּנים, אַז מע זאָל זיי בעסער קענען זען? אַזאַ בזיון! אַזאַ בזיון!... און אפֿשר, אַז מע וויל רעכענען דאָס אייגענע צוריק, קען זיַין, אַז עס איז גליַיכער, וואָס אַלע זעען זיי! אַדרבא, לאָז די וועלט זען! אפֿשר וועט זיך געפֿינען אַ גוטע זעל, וואָס וועט צוגיין, זיך אָננעמען זייער קריוודע, און אַ פֿרעג טאָן ביַי דעם פּרא-אדם: פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? אַזוי האָבן זיך געטראַכט נעבעך די אומשולדיקע געפֿאַנגענע

– און גלײַך ווי זיי האָבן געטראָפֿן: עס האָט זיך טאַקע געפֿונען אַ גוטע זעל, עפּעס איינע אַ גראָבע, מיט אַ טערקישער שאַל. זי גייט צו, טוט אַ טיִפּ אין וואָגן און אַ זאָג צו דער קוטשמע:

– דאָס האָסט דו געבראַכט צו פֿירן דאָס פּאָרפֿאָלק?

– וואָס איז דײַן עסק?

– אינדיִאַנער?

– וואָס דען, טערקן?

– וויפֿיל הייסט דו זיך געבן פֿאַר זיי?

– ווּ האָסט דו אַזוי פֿיל געלט?

– איך זאָל נישט האָבן קיין געלט, טאָ צוליב וואָס וואָלט איך זיך אַוועקגעשטעלט רעדן מיט אַזאַ חם, ווי דו ביזט? אָט אַזוי שמועסן זיך דורך די טערקישע שאַל מיט דער קוטשמע, און עס גייט אַוועק בײַ זיי אַ דינגעניש אויף לאַנג. דער פּרא-אדם, וואָס מיט דער קוטשמע, איז קאַלט ווי אײַז, די טערקישע שאַל היצט זיך, שפּרינגט אָפּ אַלע מאָל און גייט אַוועק, און קומט אָבער באַלד צוריק, און ווידער אַ מאָל נעמט מען זיך דינגען, אַזוי לאַנג, ביז די קוטשמע ווערט אין כּעס און מע הייבט זיך אָן שעלטן. דאָס פּאָרפֿאָלק דערווײַל וואַרפֿט זיך דורך מיט אַ פּאָר ווערטער:

– מאַדאַם! איר הערט, צי ניין?

– איך הער, וואָס דען? איך הער נישט?

– עס האַלט דערבײַ, מע זאָל אונדז, אַפּנים, אויסקויפֿן פֿון געפֿענקעניש?

– אַזוי ווײַזט דאָס אויס.

– וואָס זשע דינגט זי זיך פֿאַר אונדז, ווי מע דינגט זיך פֿאַר גענדז?

– אַז אָך און אַז וויי!

– לאָזן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, אַבי מיר זאָלן אַרויס פֿרײַ.

– אמן הלוואי! דאַנקן גאָט, די טערקישע שאַל האָט שוין אַרײַנגעלייגט די האַנט אין קעשענע, נעמט אַרויס געלט.

– הכּלל, איז נישט ווינציקער?

– נישט ווינציקער.

– דאָס איז שוין דאָס לעצטע שבעלעצטע?

– דאָס לעצטע שבעלעצטע

– אפֿשר... שאַ, שאַ! זע נאָר אַ רציחה פֿון אַ מענטשן! נאַ דיר געלט, נאַ! און דאָס פּאָרפֿאָלק גייט איבער פֿונעם רשות פֿון דעם פּרא-אדם מיט דער קוטשמע אין רשות פֿון דער גראָבער מיט דער טערקישער שאַל, דאָס הייסט, אייגענטלעך, פֿון איין געפֿענקעניש אינעם אַנדערן, ווי מיר וועלן זען ווײַטער.

## ד׳

## צווישן ווילדע מענטשן

ווי באַלד מע האָט זיי געבראַכט אויפֿן נײַעם אָרט, אַזוי האָט מען זיי באַלד אויפֿגעבונדן, און מיט פֿרייד האָבן זיי דערפֿילט די ערד אונטער זיך. זיי האָבן גענומען אויסגלײַכן זיך די ביינער און אַרומשפּאַנען הין און צוריק, אויספּרוּוון אויף וויפֿיל די פֿיס דינען זיי נאָך, און פֿאַר גרויס שׂמחה האָבן זיי גאָרנישט באַמערקט, אַז זיי זענען נאָך גאַנץ ווײַט פֿון די אמתע פֿרײַהייט. ערשט אַ מינוט

שפּעטער האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט, אַז זיי זענען אין געפֿענקעניש. מע האָט זיי אַרײַנגעלאָזט ערגעץ אין אַ פֿינסטער ווינקל, פֿון איין זײַט אַ וואַרעמער אויוון, פֿון דער אַנדערער זײַט אַ קאַלטע וואַנט, און פֿון פֿאָרנט אָפּגעצאַמט מיט אַן איבערגעקערטן לײטער. און עסן האָט מען זיי אַוועקגעשטעלט און טרינקען, און מע האָט זיי איבערגעלאָזט איינע אַליין, ווי עס רעדט זיך, אויף גאָטס בעראָט. באַטראַכט זייער נײַע וווינונג, האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט איינס קעגן אַנדערן אָנגעבלאָזן, ווי געוויינלעך ווילד-פֿרעמדע, געקוקט, געקוקט און אויסגעדרייט זיך איינס צום אַנדערן, מחילה, מיטן הינטן און צעגאַנגען זיך, ער אין איין ווינקעלע, זי אינעם אַנדערן, און מע האָט זיך פֿאַרטיפֿט איטלעכער אין זײַנע מחשבֿות. לאַנג טראַכטן האָט מען אָבער זיי ניט געלאָזט. עס האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון זייער טורמע און ס'איז אַרײַנגעקומען פֿריִער די טערקישע שאַל, און נאָך איר אַלערליי ווײַבער, איינע נאָך דער אַנדערער. יעדע באַזונדער האָט די טערקישע שאַל אָנגענומען בײַ אַ האַנט, צוגעפֿירט צו די געפֿאַנגענע, אַ ווײַז געגעבן מיטן פֿינגער און אַ זאָג געטאָן מיט אַ שײַנענדיק פּנים:

– געפֿעלט אײַך דאָס פּאָרפֿאָלק?

– וויפֿיל האָט איר אַוועקגעגעבן?

– שאַטסט. אַלע האָבן געשאַטסט און נישט איינע האָט געטראָפֿן, און אַז די טערקישע שאַל האָט זיי אָנגערופֿן די סומע, האָבן אַלע ווײַבער געגעבן אַ פּלעסק מיט די הענט:

– טאַקע באמת?

– מיר זאָלן אַזוי אַלע האָבן אַ פֿריילעכן, אַ כּשרן פּסח! אויף די פּנימער פֿון די ווײַבער איז געווען אָנגעצייכנט קנאה. זייערע בעקלעך האָבן געפֿלאַמט. אין די אויגן האָט געברענט אַ פֿײַערל. נאָר עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן ווינטשעוואַניעס:

– פֿאַרניצט געזונט!

– זאָל אײַך ווויל באַקומען!

– דערלעבט איבער אַ יאָר!

– מיט אײַער מאַן און מיט אײַערע קינדערלעך!

– אמן! גם אתּם! גם אתּם! אַלע ווײַבער גייען אַוועק. אין אַ מינוט אַרום קומט אָן די טערקישע שאַל צוריק און שלעפּט מיט זיך איינעם אַ מאַנסביל, אַ ווילדן פֿאַרשוין, אַ באַוואַקסענעם מיט רויטע האָר. זי פֿירט אים צו מיט דעם זעלבן שײַנערדיקן פּנים:

– דו ביסט דאָך יאָ אַ מבֿין. וואָס זאָגסט דו אויף דער פֿאָרפֿאָלק? ___ דער באַוואַקסענער פֿאַרשוין קוקט מיט ווילדע אויגן.

– איך בין אַ מבֿין? וואָס פֿאַר אַ מבֿין בין איך?

– דו ביסט דאָך אַ ייִד פֿון תּורה, און וווּ תּורה, דאָרט איז חכמה. ווי מיינסט דו, אַ שטייגער,

– מעג אונדז שוין גאָט געבן אַ כּשרן פּסח! ס׳איז דאָך פֿון זײַן ליבן נאָמען וועגן. דער באַוואַקסענער פֿאַרשוין גלעט זיך בײַ די געלע האָר, פֿאַרגלאַנצט די אויגן אַרויף, מאַכט אַ פֿרום פּנים:

– דער אייבערשטער מעג געבן אַלע ייִדן אַ כּשרן פּסח. די טערקישע שאַל מיטן באַוואַקסענעם פֿאַרשוין גייען אַוועק, און דאָס פֿאָרפֿאָלק בלײַבט ווײַטער אַליין. זיי שטייען אַ ווײַלע אָן לשון, אָנגעבלאָזן איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי פֿריִער. זי לאָזט אַרויס אַ מאָדנעם הילך פֿונעם האַלדז, אַ מין הוסט מיט אַ קוויטש. ער דרייט אויס דעם קאָפּ צו איר:

– מאַדאַם! וואָס איז מיט אײַך?

– גאָרנישט. איך האָב מיך דערמאָנט אין דער היים.

– נאַרישקייטן! דאָס דאַרף מען פֿאַרגעסן. מע דאַרף זיך בעסער אַרומקוקן, ווּ זענען מיר און וואָס האָבן מיר צו טאָן?

– ווּ זענען מיר? אין דער ערד זענען מיר. מיר זענען אויף גרויסע צרות.

– דהיינו?

– איר פֿרעגט נאָך? איר זעט נישט, אַז מע האָט אונדז פֿאַרקויפֿט צו די ווילדע מענטשן, ווי מע פֿאַרקויפֿט הינער, גענדז אָדער קאַטשקעס?

– וואָס זשע וועלן זיי אונדז טאָן?

– אוי וועלן זיי אונדז טאָן! נאָך אַז איך בין געווען אַ קליינינקע, האָב איך זיך אָנגעהערט שיינע מעשׂיות, וואָס די ווילדע מענטשן טוען מיט אונדזערע לײַט, וואָס פֿאַלן אַרײַן צו זיי אין די הענט אַרײַן....

– עט! מעשׂיות!... גלויבט נישט אין קיין באָבע-מעשׂיות....

– נישט קיין באָבע-מעשׂיות. איך האָב דאָס אַליין געהערט פֿון מײַן שוועסטער.... מײַן שוועסטער דערציילט, אַז זיי זענען ערגער פֿון די ווילדע חיות. אַ ווילדע חיה, אַז זי כאַפּט עמיצן פֿון אונדז, צערײַסט זי אים און פֿרעסט אים אויף

– און אַ סוף; און אַז....

– טע-טע-טע, מאַדאַם! איר קוקט אויף דער וועלט, דאַכט מיר, שוין צו פּעסימיסטיש.

– צו וואָס?

– צו פּעסימיסטיש.

– וואָס הייסט דאָס פּעסימיסטיש?

– דאָס הייסט.... דאָס הייסט, איר קוקט דורך צו טונקעלע ברילן.

– ווּ זעט איר ברילן?

– האַ-האַ-האַ!

– וואָס לאַכט איר?

– אוי, זענט איר, מאַדאַם, אַ....

– אַ וואָס? ער האָט איר געוואָלט זאָגן, וואָס זי איז. נאָר פּלוצים עפֿנט זיך די טיר און..... לייענט ווײַטער.

## ה׳

## „האַלט-דיר-נאַ-דיר-נעם-דיר!“

עס עפֿנט זיך די טיר און עס רײַסט זיך אַרײַן פֿון דרויסן, ווי אַ שטורעמווינט, ווי אַ גאַנצער פּאָלק סאָלדאַטן, חבֿרה קליינוואַרג, קונדסים, מיט רויטע בעקלעך און מיט שוואַרצע אייגלעך. זיי טוען זיך אַ לאָז אַלע מיט אַ מאָל צום אונטערן-אויוון. אַנו? ווּ זענען זיי? ווּ? אָטאָ זענען זיי, אָטאָטאָט! עה! יאַנקל! בערל! וועלוול! עלי! געצל! גיכער! גיכער! און דאָ הייבט זיך אָן פֿאַר אונדזער פּאָרפֿאָלק דער עמעסער גהינום: צרות און פּײַן און יסורים און בזיונות אָן אַ שיעור! חבֿרה קליינוואַרג זענען אָנגעפֿאַלן אויף זיי, ווי די ווילדע פּראָיִם, גענומען טאַנצן און שפּרינגען אַרום זיי, באַטראַכטן זיי פֿון אַלע זײַטן און מאַכן פֿון זיי חוזק, כוכע-טלולע.

– יאָסל, זע נאָר אַ נאָז! האַ-האַ-האַ!

– אַ נאָני! בערל! אַ נאָני!

– װעלװל! טו אים אַ צי בײַ דער נאָז!

– בײַם שנאָבל, אײלי! אָט אַזוי אָ!

– שטאַרקער, געצל, לאָז ער אָנהײבן שרײַען!

– איר זענט אַלע נאַראָנים! שרײַען

– שרײַען זײ נאָר דעמאָלט, װען מע פֿײַפֿט זײ, זײ האָבן פֿײַנט, אַז מע פֿײַפֿט זײ. אַ סימן האָט איר, אָט הײב איך אָן פֿײַפֿן! פֿיו! דאָס פּאָרפֿאָלק בלאָזן זיך אָן, װערן רױט, לאָזן אַראָפּ די נעז און שרײַען אױס בײדע מיט אַ מאָל:

– האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר! חבֿרה קלײנװאַרג כאַפּן אונטער אַלע אין אײנעם מיט אַ װילדן געלעכטער:

– האַלט-דיר-נאַ-דיר-נעם-דיר! דאָס פּאָרפֿאָלק װערן נאָך מער אָנגעצונדן און שרײַען נאָך העכער:

– האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר! דאָס געפֿעלט דער חבֿרה קלײנװאַרג דװקא זײער שטאַרק. זײ האַלטן זיך בײַ די זײַטן פֿאַר געלעכטער און שרײַען נאָך העכער:

– האַלט-דיר! נאַ-דיר! נעם-דיר! פֿון אַזאַ מין װעלן אַריבערשרײַען אײנס דאָס אַנדערע װערט די שטוב אָנגעפֿילט מיט אַזעלכע קולות, אַז עס קומט צו פֿליִען די טערקישע שאַל (לאַנג לעבן זאָל זי!), כאַפּט אָן חבֿרה קלײנװאַרג פֿאַרן קאַרק און שלײַדערט זײ אַרױס אײנציקװײַז פֿון שטוב און טײלט זײ נאָך אײַן דערבײַ אַ פּאָר גוטע סטוסאַקעס און לאָזט אױס מיט אַ לאַנגער קללה:

– אַ שלאַק זאָל אױף אײַך קומען, רבונו-של-עולם, אַ שׂריפֿה, אַ מגיפֿה, אַ כאָלערע! ס'זאָל אײַך אָנכאַפּן און ס'זאָל אײַך קױקלען און קױקלען און אױסקױקלען אײַך אײנציקװײַז מיט אַלע משומדים,

זיסער גאָט, און ס׳זאָל פֿון אײַך נישט בלײַבן ביז פּסח קיין שׂריד־ופּליט, ליבער פֿאָטער, האַרציקער, געטרײַער! פּטור געוואָרן פֿונעם דאָזיקן גלות, האָט אונדזער פֿאָרפֿאָלק נאָך לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך. די ווילדע געשרייען מיטן פֿײַפֿן, מיטן געלעכטער פֿון די קליינע ווילדע נפֿשות זענען נאָך לאַנג געשטאַנען און געהילכט זיי אין די אויערן. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן, אַז ס׳איז נישט קיין תּכלית צו טרויערן אויפֿן גלות און נישט נעמען גאָרנישט אין מויל אַרײַן. און ער גייט צו פֿאַוואָלינקע צום אָנבײַסן, וואָס מע האָט זיי אַוועקגעשטעלט, און רופֿט זיך אָן צו איר:

– מאַדאַם! ביז וואַנען איז דער שיעור צו שטיין אָט אַזוי פֿאַרזאָרגט? צײַט עפּעס איבערכאַפּן. די וועלט איז אויך אַ וועלט, כלעבן. די נשמה אויסשפּײַען קאָן מען נישט. פֿאַרגעסט נישט, אַז מיר האָבן נאָך הײַנטיקן טאָג אין מויל נישט געהאַט.

– עסט געזונטערהייט. איך

– נישט.

– כם.... פֿאַר וואָס? ס׳איז בײַ אײַך הײַנט אַ תּנית?

– נישט קיין תּנית, נאָר גלאַט אַזוי.

– איר ווילט זיי אפֿשר אָנלערנען? הונגערן? איר וועט נאָר מאַכן פֿון זיך אַ תּל, און ווײַטער גאָר נישט....

– איך ווייס נישט, ווי אַזוי מע קאָן עפּעס עסן. עס קריכט נישט אין האַלדז אַרײַן.

– עס קריכט, עס קריכט. דער ערשטער ביסן איז אײַן עקבער.

– אַ וואָס?

– אײַן עקבער.

– מאָדנע ווערטער בײַ אײַך!

– האַ-האַ-האַ?

– ווידער האַ-האַ-האַ? וואָס איז דער געלעכטער?

– איך האָב מיך דערמאָנט אינעם ברוך-הבא פֿון די קליינע ממזירים.

– אַוודאי דאַרף מען לאַכן.

– וואָס זשע? ווײַנען דאַרף מען?

– פֿאַרוואָס האָט איר נישט געלאַכט, פֿעטער, בשעת זיי האָבן געפֿײַפֿט?

– וואָס דען האָב איך געטאָן?

– איר האָט, דאַכט זיך, געגנוג געפּילדערט!

– איך האָב געפּילדערט? איך?

– ווער דען האָט געפּילדערט? איך?

– איר האָט די ערשטע אָנגעהויבן שרײַען: האַלט דיר! האַלט דיר! האַלט דיר!

– האָט קיין פֿאַריבל נישט, דאָס זענט איר געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט: האַלט דיר! האַלט דיר!

– נו, וואָס זשע איז דאָ אַ בזיון, אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָב געזאָגט: האַלט דיר! האַלט דיר?!

– וואָס פֿאַר אַ חרפּה איז, אַז איך בין געווען די ערשטע, וואָס האָב געזאָגט: האַלט דיר! האַלט דיר!?

– אַז ס'איז נישט אַ חרפּה, וואָס-זשע האָט איר אַראָפּגעלאָזט די נאָז, מאַדאַם?

– איך האָב אַראָפּגעלאָזט די נאָז?

– ווער דען האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז?

– אַך, ווי גרינג ס'איז צו זען יענעמס נאָז!.... אַן עבֿירה, וואָס דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער שמועס האָט זיך נישט געקענט ציִען ווײַטער. מע האָט זיי איבערגעשלאָגן סאַמע אין מיטן. דאָס איז געווען די טערקישע שאַל, וואָס האָט געוועלטיקט אויף זיי אין געפֿענקעניש, ווי עס שטייט געשריבן ווײַטער.

## ו'

## די עקזעקוציע פֿון די ווײַבער

די טערקישע שאַל איז נישט געווען די איינציקע, וואָס האָט געוועלטיקט אויף זיי אין געפֿענקעניש. זיי איז באַשערט געווען צו באַקענען זיך מיט נאָך איינע אַ ווילדע בריאה, אינעם געשטאַלט פֿון אַ גרינער מויד מיט אַ רויטער פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ. אַרײַנגעקומען זענען זייביידע מיט פֿולע הענט פֿון כּל-טובֿ: אַ שיסל מיט רײַז, אויסגעמישט מיט אַרבעס און מיט פֿאַסאָליעס, אַ טעלער מיט געקאָכטע קאַרטאָפֿל, מיט געהאַקטע אייער, און אַ פֿולן פֿאַרטעך מיט אָנגעשניטענע שטיקלעך עפּל און מיט וועלטשינע ניס. אַרײַנגעקומען מיטן עסנוואַרג, האָט די גרינע מויד מיט דער רויטער פֿאַטשיילע אַ ווײַז געטאָן אויפֿן פּאָרפֿאָלק און אַ זאָג געטאָן צו דער טערקישער שאַל:

– אַ מכּה איז מיר, בעל-הביתטע לעבן, זעט נאָר, זיי האָבן זיך כּמעט נישט צוגערירט צום עסן!

– די דאגה זאָל מיר בלײַבן אויף, אם-ירצה-השם, נאָך פּסח. אָט וועלן מיר זיי באַלד אָנהאָדעווען. איך וועל זיי נעמען צו זיך, זיי צוהאַלטען, און דו וועסט זיי לייגן דאָס עסן אין מויל אַרײַן. נו, מויד? וואָס שטייסטו? וואָס שטשירעסט דו מיט די ציין?

– וואָס האָבן זיי אַזעלכעס דערזען אויף מיר, וואָס זיי הערן נישט אויף צו פּילדערען: האַלט דיר! האַלט דיר!?

– אַ פֿאַרשׂרפֿעט זאָלסט דו ווערן, דו נאַרישע מויד! טו אויס די רויטע פּאַטשיילע דײַנע! זיי קאָנען נישט זען קיין רויטע פֿאַרב!....

– מײַנע צרות אויף זייערע קעפּ!

– אויף דײַן קאָפּ, נאַרעלע, דו ביזט בילכער. אָט אַזוי אָ! נו? פֿאַר וואָס לייגסט דו אים נישט אין מויל אַרײַן קיין רײַז מיט פֿאַסאָליעס?

– פֿאַר וואָס איך לייג אים נישט? אין מיר איז קיין מנאיה נישט. איך וואָלט אים געלייגט פֿון הײַנט ביז מאָרגן, נאָר איר זעט דאָך, אַז ער לאָזט זיך נישט. ער דרייט מיטן קאָפּ און האַלט צו דאָס מויל.

– ווער הערט אים? אָט געב איך אים אַ קוועטש בײַם האַלדז, וועט ער בײַ מיר עפֿענען די פּיסקעס! אָט אַזוי אָ! לייג-לייג!

– אוי, בעל-הביתטינקע! געזונט זאָלט איר מיר זײַן! עפּעס גלאַנצט ער מיר זייער מיט די אויגן! זעט נאָר, ער זאָל זיך חלילה נישט דערווערגן.

– ווער דערוואָרגן בעסער דו אַליין, דו ביסט בילכער. נאַ דיר גאָר דערווערגן! גלײַך ווי ס׳איז בײַ מיר דאָס ערשטע מאָל! שטופּ אים גלײַך אין האַלדז אַרײַן. אָט אַזוי. איך בין שוין איין און צוואַנטיק יאָר אַ בעל-הביתטע מיט גאָטוס הילף. איצט לייג אים אַרײַן אין מויל אַ שטיקל עפּל, מיט אַ יאָדער פֿון אַ וועלישן [וועלטשענעם] נוס. נאָך, נאָך. וואָס זשאַלעוועסט דו?

– איך זשאַלעווע נישט. וואָס וועל איך זשאַלעווען? ס׳איז מייַן? ס׳איז נישט מער ווי אַ רחמנות אַ צער-בעלי-חיים.

– וואָס זאָגט איר אויף דער מויד? אַ צער-בעלי-חיים! מע טוט אים חלילה שלעכטס? מע גיט דאָך אים עסען! און פֿון וועמענס וועגן? פֿון גאָטס וועגן. לכּבֿוד דעם הייליקן יום-טובֿ. דער אייבערשטער מעג מיר טאַקע העלפֿן. איך האָב אים שוין נישט איין פּאָרל אויסגעהאָדעוועט אויף פּסח. געב אַהער נאָך אַ וועליש [וועלטשען] ניסל

– און אַ סוף. איצטיקס מאָל וועט זייַן גענוג פֿון זייַנעט וועגן. ער איז שוין זאַט. לאָמיר זיך אָקערשט נעמען צו איר און אָנהייבן פֿון מה-טובֿו, דאָס הייסט, נאָך אַ מאָל פֿון רייַז מיט פֿאַסאָליעס.

– זאָלט איר מיר געזונט זייַן, בעל-הביתטע לעבן, ווי אַזוי דערקענט איר, וועלכעס איז אַן _ער_ און וועלכעס אַ _זי_?

– אַלע בייזע חלומות אויף דייַן קאָפּ! מע הייסט איר טאָן אַן אַרבעט, און זי איז דאָ דער רוח ווייסט מיט וואָס! האָב פֿריִער חתונה, נאַרישע מויד, און ווער אַליין אַ בעל-הביתטע, וועסטו דעמאָלט פֿרעגן. דערווייַל טו, וואָס מע הייסט דיר. אָט אַזוי אָ. נאָך

– נאָך! זשאַלעווע נישט! ס׳איז נישט צוליב קיינעם, ס׳איז צוליב זייַן ליבן נאָמען. אויף פּסח! גענדיקט די עקזעקוציע, האָבן זיך ביידע ווייַבער אָפּגעטראָגן, און אונדזערע אומגליקלעכע געפּייַניקטע זענען געבליבן אַליין. זיי האָבן זיך פֿאַרשלאָגן ביידע אין אַ ווינקעלע, אַרויפֿגעלייגט איינס אויפֿן אַנדערע די קלאָגעדיקע קעפּ און פֿאַרטיפֿט זיך אין אַזעלכע טרויעריקע מחשבֿות, וועלכע קומען זייער זעלטן, סייַדן אַ האַלב שעה פֿאַרן טויט.

ז׳

דער וואָרעם ליגט אין כריין און מיינט, אַז קיין זיסערס איז נישטאָ.

קיין זאַך מאַכט נישט אַזוי נאָענט און פֿרײַנדלעך, ווי צרות. דער בעסטער באַווײַז זענען די צוויי אומגליקלעכע העלדן פֿון אונדזער געשיכטע. אין דער קורצער צײַט פֿון זייער געפֿענקעניש זענען זיי זיך צונויפֿגעגאַנגען מיט די כאַראַקטערן, אָנגעהויבן פֿאַרשטיין איינס דאָס אַנדערע אויפֿן ווונק, אויפֿגעהערט שעמען זיך איינס פֿאַר דאָס אַנדערע און געוואָרן אַזוי נאָענט, אַז מע האָט אויפֿגעהערט זיך "אירצן" און מען איז געוואָרן נפֿש אַחת. ער איר: "נשמהניו!" זי אים: "ליובעניו!" די טערקישע שאַל מיט דער רויטער פֿאַטשיילע, אַרײַנקומענדיק מיט עסנוואַרג, האָבן זיך גאָר זאַט נישט געקאָנט אָנקוקן אין זיי.

– וואָס זאָגסט דו אויפֿן פּאָרפֿאָלק?

– אַ לעבן, ווי אונטערן אויוון!

– זעסט דו כאָטש, ווי זיי האָבן זיך בײַ מיר, קיין עין-הרע, פֿאַרריכט?

– קיין בייז אויג זאָל זיי נישט שאַטן!

– טו זיי נאָר אַ נעם אונטער די פֿאַכוועס.... וואָס זאָגסט דו?!.... נישקאָשע פֿון אַ הייטל!.... האַ? מעג מיר שוין גאָט העלפֿן פֿאַרן פּאָרפֿאָלק, וואָס איך האָב אים אויסגעהאָדעוועט אויף פּסח?.... די ווילדע ווײַבער טוען-אָפּ זייער אַרבעט און גייען אַוועק, און דאָס פּאָרפֿאָלק פֿאַרטראַכט זיך. וואָס באַדײַטן די ווערטער פֿון דער טערקישער שאַל: "זי האָדעוועט זיי אויף פּסח?" און פֿאַר וואָס דאַרף איר גאָט העלפֿן?.... און מע שאַרפֿט זיך די מוחות און מע דיסקוטירט צווישן זיך:

– וואָס הייסט דאָס, ליובעניו, פּסח?

– פּסח, נשמהניו, איז בײַ זיי אַזאַ יום-טובֿ, אַזאַ יום-טובֿ פֿון פֿרײַהייט, פֿון באַפֿרײַונג.

– וואָס הייסט דאָס ״פֿון באַפֿרײַונג״?

– איך וועל דיר געבן צו פֿאַרשטיין. ס׳איז בײַ זיי אַ גרויסע מצווה כאַפּן אַן אונדזעריקן און האָדעווען אים אַזוי לאַנג, ביז עס קומט דער יום־טובֿ, וואָס הייסט פּסח, און אַז עס קומט דער יום־טובֿ, וואָס הייסט פּסח, לאָזט מען אים פֿרײַ.... הײַנט פֿאַרשטייסט דו שוין דעם שׂכל?

– נאָך ווײַט ביז דעם יום־טובֿ, וואָס הייסט פּסח?

– ווען דליק איך האָב געהערט פֿון דער טערקישער שאַל זאָגן, ווײַזט אויס, אַז ניט מער ווי אַ טאָג דרײַ.

– דרײַ טאָג?!

– וואָס האָסט דו זיך אַזוי דערשראָקן, נאַרישע? די דרײַ טאָג וועלן איבערפֿלִיִען, ווי אַ חלום, און ס׳וועט קומען דער ליבער יום־טובֿ פּסח, וועט מען אונדז עפֿענען טיר און טויער און מע וועט אונדז זאָגן: הײַדאַ קינדערלעך, גייט אײַך אַהין, פֿון וואַנען איר זענט געקומען! וועלן מיר דאָס נעמען שטעלן פֿיס!....

– אַך, ליובעניו, דײַנע זיסע רייד!.... אַלעווײַ ס׳זאָל זײַן אַזוי, ווי דו זאָגסט! איך האָב אָבער מורא פֿאַר אַן אַנדער זאַך....

– האַרץ מײַנס, דו האָסט תּמיד מורא....

– לעבן מײַנס, דו קענסט ניט דיווילדע מענטשן.

– פֿון וואַנען קענסט דו זיי, נשמהניו?

– איך האָב זיך גענוג אָנגעהערט, ליובעניו, נאָך אין דער היים דערציילן אַזעלכע מעשׂיות אויף זיי! מײַנע אַ שוועסטער האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט אַליין געזען....

– ווידער אַ מאָל דער שוועסטערס מעשׂיות? נשמהניו, מעשׂיות פֿאַרגעס!

– ליובעניו! איך וואָלט וועלן פֿאַרגעסן, קאָן איך נישט. זיי פּיקן מיר אין קאָפּ אַריַין גאַנצע טעג. זיי לאָזן מיך ניט שלאָפֿן בײַנאַכט.

– וואָס זשע איז דאָס פֿאַר מעשׂיות, וואָס פּיקן דיר אין קאָפּ אַריַין גאַנצע טעג, לאָזן דיר נישט שלאָפֿן בײַנאַכט?

– ליובעניו! וועסט ניט לאַכן פֿון מיר?

– וואָס זאָל איך עפּעס לאַכן, נשמהניו?

– דו האָסט תּמיד אַזאַ טבֿע, אַז איך דערצייל דיר עפּעס, לאַכסט דו מיך אויס און זאָגסט אויף מיר, אַז איך בין אַ שוטה, אַ געשלייערטע האַנדזיע, אַ נאַרישע אינדיטשקע און נאָך אַזעלכע זאַכן [זעט סטוטשקאָוו, ז. 305].

– איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל ניט לאַכן, אַבי דערצייל, וואָס האָסט דו געהערט פֿון דײַן שוועסטער?

– מײַן שוועסטער דערציילט, אַז די מענטשן, וואָס מיר זען, זענען ערגער פֿון דיווילדע חיות. אַ ווילדע חיה, אַז זי כאַפּט עמיצן פֿון אונדז, צערײַסט זי אים און פֿרעסט אים אויף

– און אַ סוף. מענטשן טוען ניט אַזוי. אַ אונדזעריקער, אַז ער פֿאַלט אַרײַן צו די מענטשן אין די הענט אַרײַן, האַלטן זיי אים פֿאַרשפּאַרט, געבן אים עסן און טרינקען פֿון דער פֿולער האַנט, ביז ער ווערט גוט פֿעט....

– נו?

– און אַז ער ווערט גוט פֿעט, קוילן זיי אים, שינדן אים אָפּ די הויט, צעשנײַדן אויף שטיקלעך און באַזאַלצן אים מיט זאַלץ און ווייקן אים אין וואַסער....

– נו, און ווײַטער וואָס?

– און ווײַטער צעלייגן זיי אַ פֿײַער און בראָטן אים אויף זײַנע אייגענע שמאַלץ און עסן אים אויף מיט די ביינער.

– באָבע-מעשׂיות! געשיכטעס פֿון טויזנט איין נאַכט! אַ קו איז געפֿלויגן איבערן דאַך און געלייגט אַן איי! און דו, שאַטיאָ, גלויבסט דאָס? האַ-האַ-האַ!

– נו! האָב איך ניט געזאָגט פֿריִער, אַז דו וועסט מיך אויסלאַכן?

– וואָס זשע דען? אַז פֿון דאַנען ביז אַהין הייבט איר ניט אָן צו פֿאַרשטיין! מיר דאַכט, אַז דו האָסט געהערט אַ מאָל הונדערט פֿון דער טערקישער שאַל, אַז דאָס, וואָס מע האָדעוועט אונדז איז ניט צוליב קיינעם, נאָר צוליב גאָט.

– לעבן מײַנס! וואָס-זשע איז דערפֿון געדרונגען?

– איז דערפֿון געדרונגען, נשמה מײַנע, אַז דו ביזט אַ נאַרישע אינדיטשקע, און ווײַטער גאָרנישט.

– איר האָט תּמיד אַזאַ טבֿע. יענעם באַליידיקן איז בײַ אײַך טפֿו!

– ווער איז געווען דער איר?

– איך מיין אײַך, אַלע מאַנסבילן.

– אַלע מאַנסבילן? מיט וויפֿיל מאַנסבילן ביסט דו דאָס באַקאַנט, וואָלט איך געוואָלט ויסן?

– איך קען זיך מיט איינעם, איז געגוג פֿאַר מיר.

– ניין, האָסט געזאָגט _מאַנסבילן_. די משמעות, אַז אחוץ מיר האָסט דו זיך געקענט מיט נאָך עמיצן?

– וואָס נאָך ווּעסט דו אויסטראַכטן?

– שוין! זי האָט שוין אַראָפּגעלאָזט די נאָז.... קום נאָר אַהער, איך וויל דיר עפּעס זאָגן.... די דאָזיקע סצענע פֿון קוצעניו-מוצעניו ווערט פּלוצים איבערגעריסן דורך דער חבֿרה קליינוואַרג פֿון יענער זײַט ׳ענטסטער. אינעווייניק אַרײַנגיין לאָזט מען זיי ניט, קומען זיי אַלע טאָג צו צום ׳ענטסטער, פֿון דרויסן, און פֿון דאָרטן שטעקן זיי אַרײַן די נעז, מאַכן מעשוגענע תּנאות, שטעלן אַרויס די צונג, לאַכן און פּײַפֿן און שרײַען און הילכן אַלע אין איינעם: ״האַלט דיר! נאַ דיר! נעם דיר!״.... דאָס פּאָרפֿאָלק, געוויינלעך, ענטפֿערט זיי אָפּ דערויף אויף זייער לשון, שוין נישט מיט אַזאַ ׳עס, ווי פֿריִער, נאָר גלאַט, אַ שטייגער, ווי מע ענטפֿערט אויף ״אַ גוט מאָרגן״

– ״גוט יאָר״. ״ברכים היושבֿים״

– ״קומט עסן״

– ״עסט געזונטערהייט״.... ס׳איז גאָר ניטאָ, הערט איר, אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס אַ גאָטס באַשעפֿעניש זאָל דערצו נישט געוווינט ווערן. אונדזער פּאָרפֿאָלק איז שוין אַזוי געוווינט געוואָרן מיט די צרות, אַז ס׳האָט זיך דעם אויסגעדאַכט, אַז אַזוי דאַרף עס צו זײַן, ווי דער וואָרעם, וואָס ליגט אין כריין, מיינט, אַז קיין זיסערס איז שוין נישטאָ.

## ח׳

## אַ בייז באַגעגעניש מיט אַן אַלטן באַקאַנטן

ס׳איז געווען אַ פֿרימאָרגן. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ גערדיכטער טומאַן. אין שטוב איז נאָך געווען פֿינסטער. דאָס פּאָרפֿאַלק האָט געהאַלטן סאַמע אין רעכטן שלאָף. עס האָט זיך זיי געחלומט זייער אַ מאָליקע היים. אַ גרויסער, אַ ברייטער, אַ פֿרייַער אינדרויסן. אַ בלויער הימל, גרין גראָז. אַ זילבערן טייַכל. אַ מיל, וואָס דרייט און קלאַפּט און שפּריצט מיט וואַסער. גענדז און קאַטשקעס פּליאָסקען זיך בייַם ברעג. הינער פּיקן. העגער קרייען. פֿויגלעך פֿליִען. אַך, וואָס פֿאַר אַ שיינע וועלט גאָט האָט באַשאַפֿן פֿון זייערט וועגן.... פֿון זייערט וועגן?.... פֿון וועמענס דען וועגן זענען אָט די הויכע בוימער מיט די ברייטע צווייַגן, וואָס מע קאָן אונטער זיי אַרומשפּאַצירן פֿראַנק און פֿרייַ? אָדער פֿון וועמענס וועגן איז אָט די מיל, וואָס אַרום איר האָדעווען זיי זיך אַלע מיט דער גאַנצער משפּחה, לאָזן נישט צו קיין פֿרעמדן פֿאַר אַ מייַל אַרום און אַרום? פֿון וועמענס וועגן איז אָט דער גרויסער קייַלעכיקער הימעלדיקער ברענער, וואָס אַלע פֿאַרנאַכט לאָזט ער זיך אַראָפּ אין איין עק טייַך, און אַלע פֿרימאָרגן באַווייַזט ער זיך פֿונעם אַנדערן עק טייַך? וואָס וואָלטן זיי איצט ניט אַוועקגעגעבן, זיי זאָלן נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן! כאָטש מיט איין אויג אויף דער שיינער, וואַרעמער, פֿייַערדיקער זון? אויף דעם גרויסן, ברייטן, פֿרייַען, ליכטיקן אינדרויסן? אויף דער מיל און אויף אַלצדינג, וואָס אַרום דער מיל?.... סאַמע אין די דאָזיקע גוטע, גאָלדענע חלומות האָט מען זיי אויפֿגעכאַפּט און אַרויסגעטראָגן זיי אין דרויסן אַרויס. די פֿרייַע לופֿט פֿון דעם טומאַנעדיקן פֿרימאָרגן האָט זיי אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַרייַן און האָט זיי אַרומגענומען מיט איר פֿרישקייט פֿון אַלע זייַטן. זיי האָבן דערפֿילט, אַז ס׳איז זיי אויסגעוואַקסן פֿליגלען. אָט כאַפּן זיי זיך אויף און פֿליִען אין דער וועלט אַרייַן, פֿליִען איבער דעכער, איבער גערטנער, איבער וועלדער, אַהין, אַהין, צו זיך אַהיים.... דאָרט טרעפֿן זיי זיך מיט זייעריקע: ״ברכים הבאָים, פֿון וואַנען קומט מען?״

– פֿון די ווילדע מענטשן.

– ״וואָס האָט מען אייַך געטאָן?״

– געהאָדעוועט אויף פּסח.

– "וואָס הייסט דאָס פּסח?"

– אַזאַ יום-טובֿ ביַי זיי, אַ גוטער, ליבער יום-טובֿ, אַ יום-טובֿ פֿון פֿריַיהייט, פֿון באַפֿריַיונג.... אַזוי חלומט דאָס געבונדענע פּאָרפֿאָלק דעם גאַנצן וועג, ביז מע ברענגט זיי ערגעץ אין אַ שמאָל פֿינסטער געסל און מע לאָזט זיי אַראָפּ געבונדענערהייט גליַיך אין דער בלאָטע. דאָרט דערזען זיי אַ וואַנט באַשפּריצט מיט בלוט, און אַ סך עופֿות געבונדענע ליגן אויף דער ערד, צו צוויי און צו דריַי מיט אַ מאָל. ביַי דער זיַיט שטייען וויַיבלעך און מיידלעך און שמועסן זיך, לאַכן, כיכיקען. דאָס פּאָרפֿאָלק קוקט זיך אַרום אויף אַלע זיַיטן

– צוליב וואָס האָט מען זיי אַהער געבראַכט? וואָס טוען דאָ די געבונדענע עופֿות? וואָס לאַכן די וויַיבלעך מיט די מיידלעך? וואָס באַדיַיט די בלוטיקע וואַנט?.... אָט דאָס איז דער גוטער ליבער יום-טובֿ פּסח? וווּ איז די פֿריַיהייט? די באַפֿריַיונג?..... אָט אַזוי קלערט זיך דאָס פּאָרפֿאָלק און באַטראַכט די געבונדענע עופֿות, וואָס ליגן זיך אַזוי שטיל און רויִק, פֿרעגן נישט קיין קשיאות, גליַיך ווי עס דאַרף אַזוי צו זיַין.... נאָר איינע, אַ הון אַ שריַיערן, רוט נישט. זי ריַיסט זיך מיט אַלע כּוחות, פּאַטשט מיט די פֿליגלען אין דער בלאָטע און שריַיט משוגענערוויַיז:

– לאָזט מיך! לאָזט מיך! איך וויל נישט ליגן! איך וויל בעסער לויפֿן! לאָזט מיך! לאָזט מיך!

– קוקאַריקו!

– רופֿט זיך אָפּ אַ רויטער האָן, וואָס ליגט געבונדן אין איינעם מיט צוויי הינער, און טוט אַ פּאַטש מיט די פֿליגל:

– וואָס זאָגט איר אויף דער חכמה? זי וויל ניט ליגן. זי וויל בעסער גיין. זי וויל בעסער לויפֿן. האַ-האַ-האַ! אונדזער העלד הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט זיך איַין מיט אַלע אויגן אינעם רויטן האָן, דעם עזות-פּנים, און ער פֿילט, ווי ס׳איז אים פֿאַרקילט געוואָרן דאָס בלוט און פֿאַרגליווערט די אבֿרים. ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז דער חבֿרה-מאַן איז אים קענטליך! אַזוי קענטליך! און דאָס כּל זיַינס איז

אים אַזוי באַקאַנט. גוואַלד! ווו האָט ער זיך מיט אים באַגעגענט?!....
און ער הייבט זיך אויף נאָך אַ ביסל העכער, דערזעט אים דער רויטער האָן און ציט אויס אויף זײַן הילכיגער סאָפּראַן-שטימע: קוקאַריקו, לאַנגע נאָז! מ׳האָט געשטאָפּט דיך אָן אַ מאָס מיט די בעסטע זיסע זאַכן, מע זאָל קאָנען פֿון דיר מאַכן אַ געבראָטנס מיט אַ קראָפּ, פֿעטע יויך אַ פֿולן טאָפּ, און אַ העלדזל אינעם צימעס.... נישט באַשערט געווען אונדזער רויטן משורר צו ענדיקן זײַן לידל. עמיצנס אַ האַנט האָט אים אַ נעם געטאָן, מיט אַזאַ כּוח און אַזוי אומגעריכט, אַז עס האָט אים מיט אַ מאָל אָפּגענומען דאָס לשון.

## ט׳

### דער לעצטער אַקט פֿון דער טראַגעדיע

דאָס איז געווען אַ משונה-ווילדער נפֿש מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן פּנים, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט לאַנגע פּאות, אין שיך און זאָקן, אונטערגעשטעקט די פּאָלעס, פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, מיט אַ שוואַרץ גלאַנצנדיק מעסער אין האַנט. נישט לאַנג געטראַכט, טוט ער אַ נעם דעם רויטן האָן צו זיך, פֿאַרדרייט אים דאָס קעפּל אַרויף, טוט אים אַ קוק אין די אויגן אַרײַן, פֿליקט אים אויס דרײַ פֿעדערלעך, כיק מיטן מעסער איבערן האַלדז און

– מאַרש!

– אַ שלײַדער פֿון זיך גלײַך אין דער בלאָטע אַרײַן. ווי אַ פּריטשמעליטער בלײַבט נעבעך ליגן דער האָן אַ ווײַלע, און פּלוצים כאָפּט ער זיך אויף און לאָזט זיך לויפֿן מיטן איבערגעשניטענעם האַלדז, דרייט מיטן קאָפּ, גלײַך ווי ער זוכט עמיצן, גלײַך ווי ער האָט עפּעס פֿאַרלוירן. אונדזער העלד קוקט זיך אײַן אין דעם געקווילעטן האָן און דערקענט זײַן אַלטן באַקאַנטן, וואָס ער האָט אַ מאָל געזען אין חלום, און דערמאָנט זיך דאָס לידל, וואָס דער חבֿרה-מאַן האָט אים דעמאָלט געזונגען, און ער קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען צו זײַן געליבטער, וואָס ליגט נעבן אים שטאַרק צוגעטוליעט צו זײַן לײַב און ציטערט און צאַפּלט מיט אַלע אבֿרים....און דער ווילדער נפֿש מיטן גלאַנצנדיקן מעסער טוט זיך זײַן אַרבעט גאַנץ

קאַלטבלוטיק, ווי אַן אמתער תּליון. איינס נאָכס אַנדערע פֿליִען בײַ אים די עופֿות. אַלע כאַפּן אַ קיצל מיטן מעסער איבערן האַלדז און אַ שלײַדער אין בלאָטע אַרײַן. אַנדערע ציִען זיך אויס, גייען אָפּ מיט בלוט, דריגען מיט די פֿיסלעך און צאַפּלען. אַנדערע וואַרפֿן מיט די קעפּלעך, פּאַטשן מיט די פֿליגלען איבער דער בלאָטע. אַלע מינוט קומען צו נאָך און נאָך קרבנות מיט איבערגעשניטענע העלדזער. די ווײַבלעך מיט די מיידלעך, וואָס שטייען בײַ דער זײַט, קוקן און

– גאָרנישט. אַדרבא, אייניקע פֿון זיי פּאַלן אַרויף אויף די געקוילעטע, נאָך לעבעדיקע, עופֿות און פֿליקן זיי און רײַסן פֿון זיי די פֿעדערן, און בעת מעשׂה רעדן זיי זיך איבער און ווערטלען זיך און לאַכן, גלײַך ווי דאָ וואָלט זיך געגאָסן וואַסער, נישט קיין בלוט פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן!.... ווּ זענען זייערע אויגן? ווּ זענען זייערע אויערן? ווּ זענען זייערע הערצער? זייער יושר? זייער גאָט?.... אַזוי טראַכטן זיך אונדזערע צוויי אומגליקלעכע אינדיִאַנער, וואָס ליגן נאָך אַלץ געבונדן, און קוקן זיך צו צו דער דאָזיקער מוראדיקער טראַגעדיע, צו דער דאָזיקער אונגעהערטער רציחה אין מיטן העלן טאָג. שוין זשע האָט מען זיי געבראַכט אַהער צוליב דעם זעלבן צוועק, וואָס אַלע עופֿות, גענדז און קאַטשקעס? שוין זשע וועלן זיי, די אויסדערוויילטע, די מיוחסים, וואָס שטאַמען פֿון אינדיע, האָבן אַזאַ וויסטן סוף גלײַך מיט דעם דאָזיקן פּראָסטן עולם? איז דאָס, אַפּנים, נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך, וואָס מע דערציילט זיך אָן וועגן די ווילדע מענטשן? און די נבֿיאות פֿונעם רויטן האָן?.... און זיי הייבן אָן פֿאַרשטיין דעם קאַלטן נאַקעטן אמת, און עס ווערט זיי קלאָר אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געהערט, אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געזען ביז אַהער. נאָר איין זאַך קאָנען זיי נישט צעקײַען: צו וואָס האָט די טערקישע שאַל אַלע מאָל זיך באַרימט, אַז גאָט מעג איר העלפֿן דערפֿאַר, וואָס זי האָט אים אויסגעהאָדעוועט אַזאַ פּאָרפֿאָלק אויף פּסח?.... אָט דאָס וויל גאָט? דאָס איז אים ליב? אַך, וואָס פֿאַר אַ בייזער גאָט דאָס דאַרף זײַן בײַ אָט די ווילדע מענטשן!.....

* * * * * * * * * * * * * * * * * * * * * *

אין עטלעכע מינוט אַרום זענען אונדזערע שטאָלצע אינדיִאַנער, דאָס געליבטע פּאָרפֿאָלק, געלעגן אויף דער ערד, ווי צוויי פּשוטע געקוילעטע אינדיקעס. זיי האָבן אַרויפֿגעלייגט איינס אויף דאָס

אַנדערע זייערע איבערגעשניטענע נאָך וואַרעמע העלדזער און האָבן אויסגעזען פֿון דער ווײַטן, ווי זיי שלאָפֿן און חלומען זיסע גאָלדענע חלומות. אויף זיי איז געזאָגט געוואָרן דער פּסוק: הנאהבֿים והנעימים בחייהם ובֿמותם לא נפֿרדו.

– די ליבע און געטרײַע, סײַ בײַם לעבן, סײַ בײַם טויט האָבן זיך נישט געשיידט.

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון לאה קריקון, לעאָנאַרד פּראַגער, נח מילער, מירל שיינהויט-הירשאַן און רפֿאל פֿינקל

Copyright (c) 2000 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved